# לודמיר

הכנסת אורחים לודמיר

פרשיות
ווירא – חיי שרה
תשפ"ו
גליון 20

אן אייביגע קשר צום צדיק

געקליבענע עובדות און געדאנקען ממשנתו פון דעם הייליגן צדיק
רבי שלמה קארלינער זי"ע

## דער קארלינער פלאם

### די לעבנסגעשיכטע און נקודות פון הייליגן צדיק רבי שלמה קארלינער זי"ע // חלק כ'

אין דער לעצטער פרק האבן מיר ארומגערעדט איבער די צייטן ווען רביה"ק זי"ע האט זיך באזעצט אין די שטאט לודמיר און איבער ווי אזוי די שטאט איז בזמנו פארוואנדלט אין איינס פון די גרעסטע צענטערן פון חסידות ציענדיג צו זיך חסידים פון די גאנצע וואהלינער אומגעגענט.

עס איז אינטערעסאנט אנצוצייכענען אז אויך איידער רביה"ק זי"ע האט זיך באזעצט אין לודמיר איז שוין געווען חסידישע אידן אין לודמיר.

לויט די חסידישע מקורות איז דער בעל שם טוב הק' אליין געווען אין לודמיר, אויך דער מעזריטשער מגיד זי"ע איז געווען אין לודמיר און אזוי אויך איז רבי אהרן הגדול זי"ע געווען אין לודמיר.

ווען רבי אהרן הגדול איז געווען דארט האט ער געגרינדעט א חסידישער שטיבל אין די שטאט.

אין אן אור אלטער כתב יד וועלכער איז ערשינען אין דער גליון 'בית אהרן וישראל' באטאנט דער שרייבער אז ווען רביה"ק זי"ע האט זיך באזעצט אין לודמיר האט ער קובע געווען זיין מקום תפילה אין די זעלבע שול, וואו רבי אהרן הגדול זי"ע האט מיט יארן פריער געדאווענט.

דער שרייבער איז מוסיף אז רביה"ק זי"ע איז ביים דאווענען געשטאנען אויף דער זעלבער ארט וואו רבי אהרן הגדול זי"ע איז געשטאנען ביים דאווענען און אז מען האט געלייגט א דף וועלכע איז מבדיל צווישן די ארט וואו רבי אהרן הגדול איז געשטאנען ביז די ארט וואו רביה"ק זי"ע איז געשטאנען.

מיר ציטירן דא דער לשון פון דער בריוו: ובביהמ"ד יש מקום שמונחות על הרצפה דף אחד להבדיל בין קדושת ר' אהרן ובין קדושת רבי שלמה.

אין יענער מאמר ווערט אויך געברענגט אן עדות פון דער שוחט ובודק ר"ז אן איינוואוינער פון די שטאט לודמיר וועלכער איז געווען א קביעות'דיגער מתפלל אין יענער שול וואו רביה"ק האט געדאווענט, אז ווען דער מעזריטשער מגיד זי"ע איז נישט געווען געזונט איז ער געווען אין לודמיר און געדאווענט אין דעם שול.

ער ציטירט אז ווען דער מגיד איז געווען דארט האט ער געזאגט אויף די שול אז די שול האט רבי אהרן הגדול מייסד געווען און אז ביים מייסד זיין דער שול האט ער ממשיך געווען אהין די שערי שמים און אז שפעטער ווען רביה"ק זי"ע איז אנגעקומען דארט אין די שטאט און זיך באזעצט אין איר און מתפלל געווען אויף איר, האט ער געזאגט אויף זיך, אז פאר זיך האט ער משיג געווען ביז די בית אלקים.

אין יענער בריוו פון ר"ז שוחט ברענגט ער אראפ אן אינטערעסאנטע געשיכטע איבער די שול ווי אזוי די שול האט זיך פארמאסטן מיט די כוחות הטומאה אין יענער שטאט.

ומעשה שהיה אז בעת די מלחמה צווישן די רוסן און די קאזאקן וועלכע האט זיך אפגעשפילט אין יענער געגענט, די מלחמה ביי וועלכע רביה"ק זי"ע איז געשאסן געווארן, זענען די רוסן אנגעקומען צו די שטאט לודמיר.

אין די שטאט לודמיר, נישט ווייט פון די הייליגע שול, איז געשטאנען א רוסישע תיפלה. די קלויסטער האבן די רוסן גערופן 'די צווערקע תיפלה'.

די יעניגע תיפלה איז געווען א געביידע אבער זי איז געווען נידריגער פון די הויכע שול וואו רביה"ק זי"ע האט געדאווענט.

לויט די אמאליגע געזעץ האט קיין שום געביידע אין די שטאט נישט געמעגט זיין העכער זייער שמייליגער קלויסטער. אזוי ווי די געביידע איז יא געווען העכער האבן די פריש געקומענע רוסן אנגעהויבן פארפירן קעגן די שול

די מיליטערלייט האבן אנגעהויבן שיסן פיילן אין ריכטונג פון די שול עס זאל קלענער ווערן.

די פיילן האט געטראפן אין ציל און שטיקער פון די שול איז איינגעפאלן אבער דא האט פאסירט א וואונדערליכע זאך, מיט יעדער שטיקל וואס די שול איז קלענער געווארן איז אויך זייער קלויסטער געווארן קלענער.

די רוסישע רשעים האבן איינגעזען אז זיי שלאגן זיך מיט א געטליכע כח, אז זייערע פאלן מאכט נאר ערגער די מצב, נישט וועלענדיג אז זייער שמייליגע געביידע זאל אינגאנצן איינפאלן האבן זיי אויפגעהערט צו שיסן פיילן אויף די שול.

## צידה לדרך

### ווען די תאוה איז שולט אויפ'ן מענטש איז דער מענטש בגדר שוטה / קורצע אמרות פון רביה"ק זי"ע

דער הייליגער צדיק רבי שלמה קארלינער זי"ע האט אמאל געזאגט אז א איד דארף שטארק אפהיטן זיין מויל, זיינע אויגן און זיינע אויערן און אכטונג געבן אז די תאוה זאל נישט קענען שולט זיין אויף אים ווייל ווען די תאוה איז שולט אויף א מענטש, איז דער מענטש א 'שוטה' און נישט קיין חכם, ווייל א חכם איז זיין חכמה שולט אויף די תאוה, אויך בשעת מעשה - ווען די תאוה איז ביי אים שטארק.

[ספר הדרת קודש]

## מה זרעו בחיים

### די הייליגע שולשלת פון לודמיר ח"ג

אין דער לעצטער גליון האבן מיר געשריבן איבער די קינדער פון רביה"ק זי"ע און די שולשלת וועלכער האט זיך געצויגן פון אים נאך זיין פטירה.

מיר האבן דערמאנט זיין איידעם הרה"ק רבי ישראל חיים מלודמיר זי"ע דער שווער פון דער ערשטער רבי פון זוועהיל הרה"ק רבי משה מזוועהיל זי"ע.

פון די שולשלת איז אויך ארויסגעקומען נאך איינער פון די צדיקים וואס האט ממשיך געווען די הייליגע שולשלת און דאס איז דער איידעם פון הרה"ק רבי משה זוועהילער זי"ע, הרה"ק רבי יצחק שלמה זעליחאווער זי"ע.

דער רבי הרה"ק רבי יצחק שלמה זעליחאווער זי"ע איז נאך די פטירה פון זיין גרויסער שווער געווען א רבי פאר חסידים.

ווי מיר וועלן זען אין די קומענדיגע קאפיטלען בע"ה האט ער ערשט נישט געוואלט אננעמען די כתר האדמורו"ת און נאר נאך הפצרות האט ער מסכים געווען עס אנצונעמען.






על הציון של הקדוש הזה, הוא ממש כמו שעומדים לפניו בחיים חיותו.
(רבי אשר מסטאלין)

צדיקים פון די פריערדיגע דורות האבן מעיד געווען:
אז רבי שלמה בן יוטא קען מבטל זיין אלע גזירות קשות ורעות

דארפט איר א ישועה?
ווילט איר שפירן ווי איר שטייט בצילו פון א צדיק אמת כמו בחיים חיותו?

קומט קיין לודמיר צום ציון
פון קודש הקדשים
רבי שלמה קארלינער זי"ע

בזכותיה דרבי שלמה בן יוטא ענני

פאר פרטים פון דעם הכנסת אורחים אין לודמיר
רופט: 518.592.0087

# איך דער 'בער' האט דרך ארץ

צווישן די געהויבענע קארלינער חסידים ביי רביה"ק זי"ע איז געווען ר' הירש ראזביביטשער ז"ל.

א שארפער און א פייערדיגער חסיד איז ר' הירש געווען, ווען עס איז אים אונטערגעקומען א געלעגנהייט צו ווילן במחיצת הק' פון רביה"ק זי"ע האט ער אפגעלאזט זיין וואוינארט אין די שטאט ראזביבטיש און איז זיך געקומען מסתופף זיין בצל הק' פון רביה"ק זי"ע אריינצוכאפן צו זיין ביים רבי'ן א תפילה, א טיש, צו הערן א ווארט פון רביה"ק וועלכע האט געזעטיגט זיין הונגעריגע נשמה.

אויך יענער צופרי, נאך דעם וואס ר' הירש האט אנגעכאפט א שטארקע בענקעניש צום רבי'ן, האט ער איינגעפאקט זיין ביסל האב און גוטס און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג קיין לודמיר, מיטצוהאלטן די לעכטיגע תפילות בצל הק' פון רביה"ק זי"ע.



א וואלד אין די טיפע אוקראיינע

קיין גרויסער גביר איז ר' הירש נישט געווען. ביטער און שווער האט ער געהארעוועט פאר זיין פרנסה אפשפארנדיג א פרוטה נאך א פרוטה ער זאל האבן געלט צום לעבן און קענען שפייזן זיין משפחה.

נישט ווייט צוגיין פון די שטאט לודמיר געפינט זיך די שטאט ראזביבטיש, מיט עטליכע שעה גיין צופוס קומט מען אן קיין לודמיר.

זוכנדיג צושפארן דאס געלט צודינגען א וואגן אדער א קארעטע איז ר' הירש געגאנגען צופוס די וועג פון ראזביבטיש קיין לודמיר.

א שטילע און א רואיגע וועג שיידט אפ צווישן ראזביבטיש און לודמיר, די וועג איז פול מיט וועלדער, געוויקסן, עס איז א גוטע געלעגנהייט צוזען די שיינע בריאה פון הקב"ה אומגעשטערט און קענען אויסקלארן די געדאנקען לקראת די באזוך ביי רביה"ק זי"ע.

גייט זיך א חסיד אין וועג, זיינע געדאנקען שוועבן, זיינע פוס איז אין וואלד אבער זיין הארץ איז ביים רבי'ן, אין דער הייליגער חצר ביים צדיק. קעגן זיינע אויגן קומט אקעגן הייליגע מאמענטן וואס ער לעבט מיט בצל הק, די לעכטיגע תפילות, די שמועסן, די לבת אש, וואס ברענט ביים רבי'ן זי"ע.

מיטאמאל, זעט ער עפעס פונדערווייטענס, דער 'זאך' ווערט נענטער און נענטער, ווען עס שטייט נעבן אים דערקענט ער די זאך, עס איז א הונגעריגער בער, מיט א גרויסער מויל, גרייט אים צו פארצוקן.

פאר ר' הירש ווערט קאלט אין די ביינער, די סכנה איז גרויס, ער וויל אנטלויפן, אבער דאן כאפט ער זיך.

"איך גיי דאך צום רבי'ן, ווי קען איך מורא האבן?".

ער גארטעלט זיך אונטער מיט א רואיגקייט, מיט א שטארקקייט און מיט די פולסטע מאס רואיגקייט גייט ער צום צום בער און רופט זיך אן צו אים.

"בער, בער, איך האב פון דיר נישט קיין מורא, איך גיי צום רעבי'ן".

דער בער קוקט אים אן, ער ענטפערט נישט, אבער ער פארצוקט אויך נישט.

דער בער דרייט זיך אויס און הייבט אן אוועקגיין.

ר' הירש איז ממשיך זיין רייזע צום רעבי'ן, פונדערווייטנס זעט ער שוין די הייזער פון לודמיר, זיין הארץ ווערט אנגעפולט מיט שמחה.

ער שטייט שוין עטליכע טריט אינדרויסן פון רבינ'ס שטוב ווען דער טיר פון רביה"ק זי"ע עפענט זיך אויף, דער רבי קומט אים אקעגן.

מיט א ווארעמע שמייכל באגריסט אים דער רבי און רופט זיך אן צו אים.

"יא, איר ר' הירש, איר זענט גערעכט, ווען מען קומט צום רבי'ן, דארף מען נישט מורא האבן פון קיין איינעם, אויך נישט פון א בער".

## מהנעשה והנשמע אין לודמיר

ניייעס'לעך און ידיעות
איבער די אנגייענדע מצב

# לאקאלע אוקראיינישע אידן פראווענע דערהויבענע יום טוב אין 'בית רבינו' אין די שטאט לודמיר

מיט גרויס התרגשות און שמחה האט מען אינערהאלב 'הכנסת אורחים דלודמיר' אויפגענומען די בשורה טובה אז היי יאר חול המועד סוכות האבן עטליכע לאקאלע אידן פון די שטאט לודמיר און פון די אומגעגענט געפראוועט די געהויבענע ימי סוכות אין דער בית רבינו פון די שטאט לודמיר, נוצנדיג איר שול און אירע סידורים און ספרים, צו פראווענען א יום טוב אין איר און שאקלען לולב.




אידן פראווען דעם יום טוב סוכות און שאקלען לולב אין 'בית רבינו' אין לודמיר

ווי עס איז שוין באריכטעט געווארן אין די גליון מערערע מאל האט די שטאט לודמיר איידער די קריג פארמאגט א בליענדע אידישע קהילה מיט שולן און מוסדות'ער אבער ביי די קריג און ביי די יארן נאך איר, אונטער די קאמוניסטן, איז די קהילה געווארן אויסגעמעקט רח"ל.

גענוי ווי אין אסאך אנדערע שטעט, ווי מען האט לעצטענס אנגעהויבן אויפצוועקן די איינגעשלאפענע אידישקייט, איז לעצטענס געווען אין לודמיר, נאך דעם וואס די 'הכנסת אורחים' האט אנגעהויבן אויפצוועקן די אידישקייט און בויען שולן אין די שטאט.

אין 'הכנסת אורחים דלודמיר' קוקט מען שטארק ארויס אז די איינצעלע פעולה זאל דערוועקן מערערע פעולות און אז די אידישקייט זאל אין די שטאט זאל דערלעבן אן אויפוואכונג.

ארויסגעגעבן און פארשפרייט דורך הכנסת אורחים - לודמיר סמוך ונראה צום ציון הק' פון דער צדיק רבי שלמה קארלינער זי"ע